בס"ד

# דעת תורה והשקפה טהורה

## איך להתנהג במחשבה דיבור ומעשה בעת מלחמה בארה"ק

**זהירות עצומה מלהיסתף עם הציונות**
**ולא לקטרג על כלל ישראל ח"ו**

מאת הגה"צ

**רבי יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

כסלו תשפ"ד לפ"ק

לעי"נ האשה החשובה

מרת **חי' פיגא** בת הרה"ג ר' **עוזר** ע"ה

נפטרה האי שעתא שביעי של פסח תשפ"ג לפ"ק

# שובר אויבים ומכניע זדים

עס איז דא היינט א גרויסער טומל, זייער א גרויסער טומל, און דער טומל איז פון אלע זייטן און עס איז ממש א בחינה פון "**בְּאֹרַח זוּ אֲהַלֵּךְ טָמְנוּ פַח לִי**"[א] איך האב געוואלט זאגן צוויי זאכן; היינט איז דא אזא מלחמה, מצד אחד וויל מען עס זאל נישט זיין "**מְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ רֹאשׁ**"[ב], מען וויל די שונאים זאלן האבן א מפלה. איינער האט מיר געזאגט, אז היינט דארף מען בעטן, עס זאל זיין 'שובר אויבים' - אז די אראבער זאלן צעקלאפט ווערן 'לא יוכלו קום' - דער זוהר הקדוש[ג] זאגט אז דער ערגסטער גלות, איז דער גלות פון ישמעאל. דער אור החיים זאגט, אז עס איז איום ונורא די גלות ישמאל, דאס איז שובר אויבים. 'ומכניע זדים' - מכניע זיין דעם כח פון די ציונים פון די ערב רב.

# תסתלק מן הספק

דא שטייט טומלען אין אלע זייטן, וואס ממש עס נעמט צו דעם מוח, און מען לערנט נישט און מען דאוונט נישט. ווי רבי אלי' חיים פלעגט זאגן, מען איז פארנומען מיט ספיקות, וואס איז מיט וודאות, מען ליגט אין לערנען, מען דינט דעם אייבערשטן, און האבן אמונה אין אייבערשטן, גלייבן אין ביאת המשיח, האפן צו ביאת המשיח, דאס איז וודאי וודאי! אז דו ווערסט שטיין ביי די וודאות וועט דיר דער אויבערשטער געבן א שיין ביי די ספיקות. מען שטייט ביי די ספיקות, און אין די וודאות איז מען נישט עוסק.

דער עיקר איז וודאות - מען דארף גלייבן אין ביאת המשיח, האפן צו ביאת המשיח. מיר האבן דעם רמב"ם, א שרעקליכער רמב"ם, דער רמב"ם זאגט[ד] (הל' מלכים פי"א ה"א[ה]) וועגן ביאת המשיח: 'ומי שאינו מחכה לביאתו' [ער שרייבט שרעקליכע זאכן אז מען גלייבט נישט אין די דרייצן אני מאמין'ס], אז מען האט נישט אמונה אין ביאת המשיח דאס איז 'מי שאינו מחכה לביאתו', מען דארף זיין א 'מחכה לביאת המשיח'.

# דער געוואלדיגער תיקון הנפש - בענקען צו משיח

דאס איז א געוואלדיגער תיקון הנפש, אז מען בענקט צו משיח, מען בענקט צו דער גאולה, מען בענקט צו דעם תיקון פון כלל ישראל, מען בענקט אז ווען וועט שוין זיין "**מלוך על כל העולם כולו בכבודך והנשא על כל הארץ ביקרך**", מיר זענען אידן, און אויף אידן שטייט (ישעי' מג, ז) "**לִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו**", מען דארף דאס וויסן. פון אונז דארף ארויסגיין דער התגלות אלקות, און דער זיו השכינה אין אלע עולמות דארף ארויסגיין נאר פון אונז!

**ווען וועט עס זיין?!**

**ווען וועט עס זיין פון מיר?!**

**ווען וועט עס זיין פון גאנצן כלל ישראל?!**

דער עצם בענקען, דאס דארף מען מעורר זיין מיט'ן דיבור. דער עצם בענקען צו ביאת המשיח צו דער גאולה איז א געוואלדיגער תיקון הנפש, **מען ווערט א איד, מען ווערט מערער איד, אז מען לעבט אליין פעלט אין דער גאנצער אידישקייט!** איך האב געזעהן אין א פלאץ אז א מענטש קען מתפלל זיין פאר גאנץ כלל ישראל און איז מתפלל פאר זיך איז עס 'גזל', מען דארף מתפלל זיין פאר'ן גאנץ כלל ישראל.

א מענטש דוכט זיך, אז ער וועט מתפלל זיין פאר'ן גאנצן כלל ישראל וועט ער נישט געהאלפן ווערן, ער וועט געהאלפן ווערן פריער פון אלעמען. און אז מען בעט פאר'ן גאנצן כלל ישראל, איז נישטא קיין קטרוגים אויף די תפילות ווייל ער בעט דאך פאר אלעמען, און אז מען בעט פאר אלעמען איז מען נישט מקטרג דערויף.

דאס איז א זאך, וואס יעצט איז אפשר א צייט צו רעדן וועגן דעם, צו מתפלל זיין אויף ביאת המשיח אויף דער גאולה האמיתית, פון התגלות מלכותו, עס איז דאך רח"ל היינט א שרעקליכער מצב, א שרעקליכער ערבוביא.

# פון דער סטרא אחרא קען נישט קומען קיין ישועה

איך האב געזעהן א שיינע זאך פון ראפשיצער רב אין זרע קודש, זאגט ער, אז אסתר האט געזאגט פאר מרדכי הצדיק, אז זי האט אן עצה, איך טאר דאך נישט גיין צו אחשורוש, אז זי גייט צו אחשורוש, זי האט דאך נישט געטארט גיין פאר ער האט איר גערופן. האט ער געזאגט, גיי צו אחשורוש, און רעד מיט אים און דערצייל אויף המן'ען די מעשה, און גיי און מאך א סעודה, און מסר אויף המן'ען, מען זאל אים הענגען.

האט זי געזאגט: איך האב אן עצה, איך וועל באשווערן און עס וועט קומען א שידה, וועלכע זעהט אויס פונקט ווי מיר, און זי זאל גיין צו אחשורוש, און זי זאל טוהן אלעס, און דער גאנצער נס וועט זיך טוהן דורך דער שידה[ו].

האט ער געזאגט, "**אַל תְּדַמִּי בְנַפְשֵׁךְ**" - שיק נישט דיין דמיון, א שד איז דאך א דמיון, "אל תדמי בנפשך" שיק נישט דיין דמיון, פארוואס ווייל אויב שיקן א דמיון, וועט זיין "**רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם אַחֵר**" (אסתר ד, יג-יד), דער גאנצער פורים וועט זיין פון א שד, מיר ווארטן דאך אויף דער שכינה אן די שכינה וועט גארנישט ווערן, ווייל אויב דער נס וועט זיין דורך דער שידה, וועט עס זיין יענער פורים, אז דו וועסט גיין, וועט עס זיין אן התגלות שם שמים, עס וועט זיין א פורים פאר כלל ישראל תמיד, עס וועט זיין א גאולה מיט התגלות מלכות שמים. אויב די שידה וועט גיין וועט זיין יענער פורים, עס וועט

---

א. תהלים קמב ד'.

ב. תהלים פג ג'.

ג. ח"ב יז ע"א, וז"ל: ושפחה כי תירש גבירתה דא הגר דאולידת לישמעאל שעשה כמה רעות לישראל ושלט בהם ועינה אותם בכל מיני ענויין וגזר עליהם כמה שמדות ועד היום הם שולטים עליהם ואינם מניחים להם לעמוד בדתם ואין לך גלות קשה לישראל כמו גלות ישמעאל, ע"כ.

ד. הל' מלכים פי"א ה"א.

ה. וז"ל: המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה לממשלה הראשונה, ובונה המקדש ומקבץ נדחי ישראל, וכו' וכל מי שאינו מאמין בו, או מי שאינו מחכה לביאתו, לא בשאר נביאים בלבד הוא כופר, אלא בתורה ובמשה רבינו וכו', ע"כ.

ו. עי' עץ חיים שער קליפת נוגה פ"ו.

אינגאנצן נישט זיין קיין התגלות מלכות שמים.

א נס אז ווערט עס געטוהן מצד הקדושה, און נישט מצד הטומאה ח"ו.

מען דארף האבן א סייעתא דשמיא, דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין מצד הקדושה, אז עס קומט מצד הטומאה ווערט 'כוחי ועוצם ידי' פון דעם, און עס ווערט נישט קיין 'התגלות מלכות שמים'.

## מצמיח ישועות

דער כלל דארף מען וויסן, עס שטייט "מצמיח קרן ישועה", וואס איז דער לשון מצמיח? נאר א בוים איידער ער איז באשאפן געווארן, איז ער נישטא, א פרי, איידער עס איז אויפגעבליהט געווארן איז עס נישטא במציאות. די ישועות פון אייבערשטן, איידער עס קומט איז דאס נישטא! איז דאס נישטא! היינט קוקט אויס, אז משיח אז ער איז נישטא, עס איז נישטא זיין מציאות, ער וועט ווערן. עס ווערט א בוים און עס גיט א וואקס אויף, דאן ווערט ער, ער ווערט א מציאות, דאס איז 'מצמיח קרן ישועה'.

אפילו אמאל איז דא אסאך ישועות ביי מענטשן, וואס ער דארף ישועות, ער זעהט נישט על פי דרך הטבע ווי ער קען געהאלפן ווערן, סיי א ישועה בגשמיות און סיי א ישועה ברוחניות, ווי אזוי וועל איך קענען ארויסקומען פון דעם. מען דארף גלייבן אז דער אייבערשטער איז א כל יכול, עס ווערט א ישועה, בשעת עס ווערט שוין די ישועה פארשטייסטו נישט ווי אזוי קען זיין אן די ישועה.

דערפאר פון דעם נעמט זיך **'אין בעל הנס מכיר בניסו'**[ז], וואן עס ווערט א מציאות, זאגט מען עס איז דאך א מציאות - דאס הייסט 'מצמיח קרן ישועה'.

## אז מען שטרעקט אויס דעם באק - גיבט ער נישט קיין פאטש

נאך א זאך האב איך געזעהן פון אר"י הקדוש אן אינטרעסאנטע זאך, **"יִתֵּן לְמַכֵּהוּ לֶחִי יִשְׂבַּע בְּחֶרְפָּה"**,[ח] זאגט דער אר"י הקדוש אין איכה אין 'שער הפסוקים'[ט]: אז א גוי וויל דיר געבן א פאטש, א סגולה אז ער זאל דיר נישט געבן, אז א גוי וויל דיר געבן א פאטש, שטעק אויס דעם באק וועט ער דיר נישט געבן דעם פאטש בשום אופן נישט. פארוואס? **"ישבע בחרפה"**, ער ווערט זאט פון דעם וואס דו האסט דיך פארשעמט פאר אים - און קיין פאטש וועט ער דיר שוין נישט געבן, האסט אים שוין געגעבן צו עסן עפעס ער וועט דיר נישט געבן קיין פאטש, און ער זאגט: 'וזה' דאס איז א לימוד ווי אזוי מען דארף זיך פירן אין גלות.

רבי יוסף חיים זאנענפעלד (זצ"ל) איז אמאל געווען אויף עפעס פלאץ, האט אים א גוי געווארפן א שאלעכץ, איז ער צוגעגאנגען צו דעם אראבער בסבר פנים יפות און אים גזאגט, קאטי"ר חר"ק - א יישר כח. זאגט ער אים, "פארדעם גיבסטו מיר א יישר כח ווייל איך האב דיר געווארפן א שאלעכץ?" זאגט ער, **"דו וואלסט דאך געקענט ווארפן א שטיין, און דו ביסט א זשענטל מאן, און דו פירסט דיך אויף שיין, גיב איך דיר א יישר כח"!** דער אראבער איז אזוי נתפעל געווארן, אז ער האט אים איבערגעבעטן. עס איז דא לימודים, ווי אזוי מען דארף טוהן, אז מען טוט נישט די לימודים, זאל דער אייבערשטער אפהיטן.

## די לימודי קודש ווי אזוי זיך צו פירן אין גלות

עס איז געווען טאקע אמאל, מיין טאטע ע"ה האט מיר דערציילט, עס איז געווען אמאל ערב יום כיפור וואס עס זענען געקומען אויף ארץ ישראל א חבורה אידן אן קיין וויזע, זיי האבן זיך אריינגעכאפט קיין ארץ ישראל בגניבה, די אראבער האבן זיך דערוואוסט דערפון, און זיי האבן געמאכט א קשר מיט די ענגלענדער, און מען האט זיי געוואלט איינזעצן. עס איז געווען א גרויסער פחד, מען האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן, מען האט זיי געזוכט. עס איז געווען תלוי אין א מנהיג פון די אראבער אין חברון, מען האט געדארפט זיין חתימה ארויסצוווארפן דעם גאנצן גזר דין.

איז ער [הגאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל] געפארן ערב יום כיפור מיט א וואגן ביז חברון, אין אזא טאג פון ערב יום כיפור איז ער געפארן קיין חברון, כדי צו ראטעווען די אידן. ביי דעם בנין איז געשטאנען א שומר און ער האט זיי נישט אריינגעלאזט, זיי ווילן גיין, און מען לאזט נישט אריין, האט ער אים גזאגט, ער זאל אראפגיין און זאל אים זאגן, אזוי ווי מארגן איז דער יום הדין און דער אייבערשטער משפט די גאנצע וועלט, און ער איז דער רב פון די יהדות החרדית, דעריבער וויל ער אים געבן א ברכה ער זאל האבן א גוט יאר, ער זאל האבן נחת פון זיינע קינדער. שוין ער איז אראפגעגאנגען, און ער האט עס איבערגעגעבן פאר דעם מושל און ער האט מסכים געווען, ער איז אראפגעגאנגען און אוועקגעלייגט ביידע הענט אויף זיין קאפ און אים געבענטשט, ער האט אים געגעבן א מטבע מיט א צעטל און ער האט גע'חתמ'עט, [ער האט געהאט די קאפ אויפן פלאץ].

עס איז דא די לימודי קודש, ווי אזוי אידן האבן זיך געפירט אין גלות.

עס ווערט געברענגט, אז יעקב אבינו האט זיך איינגע'עקש'נט גאר שטארק ביי עשו'ן ער זאל נעמען די מתנות, כאטש ער האט נישט געוואלט נעמען, וואן ער נעמט נישט זאל דער אייבערשטער אפהיטן וואלט מען זיך נישט געקענט אן עצה געבן מיט אים, אז ער נעמט, ערשט, מיט געלט וועט ער נישט אלעמאל מאכן.

## גיין צווישן די טראפן

על כל פנים, מיר זענען אין א גרויסער תסבוכת, מצד אחד זענען דא גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים, און מדקדקים במצוה קלה כבחמורה, גלייבן אין די י"ג אני מאמין'ס, און זיי האבן נישט געלערנט אין חדר ווי אזוי אנצוקוקן דעם מצב, אזוי ווי אונז האבן מיר עס געלערנט, זיי האבן נישט געלערנט אין אזא חדר.

עס איז א שווערער געשעפט, מצד אחד מיר האבן זאכן וואס זיי האבן נישט, פון דער אנדערער זייט, האבן זיי אין יסודי הדת, אין עבודת ה', וואס מיר האבן אויך נישט, וואס מיר דארפן זיך גאר לערנען פון זיי. און דא דארף מען אכטונג געבן נישט נגרר ווערן נאך זייערע דעות, **דאס איז א לימוד קשה מאד!**

ז. נדה לא ע"א.

ח. איכה ג' ל'.

ט. וז"ל: יתן למכהו לחי ישבע בחרפה: ירצה, כי בראות א' מן אומות העולם, הבא להכות את ישראל על לחייו, והישראל נותן לו לחי ומזמינו לקבל ההכאה, אז ישבע הגוי בחרפה ההיא שנתחרף הישראל, וימנע להכותו, ועצה טובה השמיענו בגלותינו, ע"כ.

מצד אחד טאר מען זיך נישט אפרייסן פון אידן, און מען טאר זיך נישט אפרייסן פון אייבערשטן, דער אייבערשטער האט נישט אפגעלאזט דעם כלל ישראל, און עס זענען דא לימודי זכות אן א שיעור. מצד אחד דארף מען זייער שטארק כמטחוי קשת זיך נישט צורירן דערצו.

עס איז א גרויסע עבודה!

עס קען גאר זיין אז דאס איז גאר דער פשט אין רש"י שבת קי"ח,[י] זאגט די גמרא '**חבלי משיח**', זאגט רש"י וואס איז דאס חבלי משיח: '**קטיגוריא בין תלמידי חכמים**', דאס חבלי משיח, און חבלי משיח איז נישט גרינג עס איז שווער, דא טאר מען נישט פיינט האבן קיין אידן, מען דארף ליב האבן אלע אידן, "**וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ**"[יא], מען דארף וויסן אז דער אייבערשטער פריידט זיך מיט זיין פאלק, דער אייבערשטער האט נחת רוח פון אידן, מען לערנט און מען דאוונט, דער אייבערשטער האט פון אלע אידן נחת רוח, מען טאר נישט אפרייסן א איד פונ'עם אייבערשטן, און מען טאר זיך נישט אפרייסן פון קיין אידן.

און מצד אחד דארף מען וויסן ווי אזוי זיך אכטונג צו געבן פון דעם וואס מען דארף זיך אכטונג געבן, אנטלויפן פון זיי מער ווי כמטחוי קשת, און דאס איז זייער א שווערע זאך, דערפאר זאגט רש"י '**חבלי משיח**' איז '**קטגוריא בתלמידי חכמים**'.

## עולים עמה ואין יורדים עמה

דער רבי אין ליקוטי מוהר"ן[יב] זאגט אן אינטרעסאנטע זאך, עס איז דא א פסוק[יג]: "**וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם**". זאגט דער רבי אז עס גייט אראפ א דעת דקדושה אויף דער וועלט, וואס די וועלט ווייסט נישט פון דעם אמת, פון דעם דעת דקדושה, איז "**רבים מישני אדמת עפר יקיצו**", עס דערוועקט אידן צו עבודת ה', און מען לערנט מיט דעם און מען דאוונט מיט דעם, מען ווערט נאנט צום אייבערשטן, עס וועקט אויף דאס גאנצע אידישקייט – "**רבים מישני אדמת עפר יקיצו**".

אבער ערשט איז דא א בחירה "**אלה לחיי עולם**" - עס זענען דא מענטשן וועלכע נוצן דעם דעת דקדושה, זיי זאלן לערנען און זיי זאלן דאווענען, און זיי זאלן זוכה זיין צו חיי עולם, מען ווערט מקורב צום אייבערשטן. "**ואלה לחרפות לדראון עולם**" - זיי נוצן עס נישט אויף מקרב זיין צום אייבערשטן, נאר זיי פארשעמען די וועלט, אז איך ווייס יא פון דעם דעת דקדושה און יענער ווייסט נישט, אויף דעם נוצט ער עס, ער נוצט עס "לחרפות ולדראון עולם"!

ווען איך בין געווען א אינגערמאן, עס איז געווען אמאל פאר ראש השנה, רבי לוי יצחק איז געווען הייזעריג, ער האט געהיטן אויף זיין קול, אזוי ווי ער איז דאך געווען א בעל תפילה, און פאר צוויי חדשים פלעג איך זאגן בין מנחה למעריב דעם ליקוטי מוהר"ן, איך פלעג עס זאגן אינעווייניג, איך האב נישט געהאט קיין העזה צו אויסרעדן עפעס. אבער איך האב געזאגט אינעווייניג.

ווען עס איז געקומען צו דער תורה'לע פאלט מיר איין א זאך, אז עס קען גאר זיין אז דער רבי האט עס געזאגט אויף זיין זאך, די הייליגע גילויים, די חידושים נפלאים וואס דער רבי האט מגלה געווען, דארף מען נוצן צו לערנען און צו דאווענען און צו ווערן מקורב צום אייבערשטן, און נישט עס נוצן '**לחרפות ולדראון עולם**', צו פארשעמען די וועלט און זיך קריגן מיט דער וועלט, נישט פאר דעם האט עס דער רבי פאר אונז געגעבן. אזוי האב איך געזאגט.

האט זיך רבי לוי יצחק אנגערופן "**אזוי האב איך מקבל געווען פון זקני אנ"ש, אז דער רבי האט עס געזאגט אויף זיין זאך**"! עס איז א געוואלדיגער לימוד! א געוואלדיגער לימוד! אוודאי דאס קען מען נוצן אויף אלע סארט דרגות דקדושה, אבער מען דארף דאס שטארק וויסן עס ווערט זייער שווער, מען דארף קענען וויסן, אז יענער איז אן ערליכער איד, יענער דינט דעם אייבערשטן, וואס קען מען זיך אפלערנען פון יענעם אין יסודי הדת וואס איך האב עס נישט און ער האט עס יא. לערן זיך אפ, אדרבה, '**תלמידי חכמים מחדדין זה את זה**'[יד] איינער לערנט ביים צווייטן.

## מקום יש בראש להניח שני תפילין

לעומת זה דארף מען קענען וויסן, א געוויסע דעה זרה וואס דאס נישט צו לערנען, '**מקום יש בראש להניח שני תפילין**'[טו], מען דארף קענען אלץ פארדייען, עס איז טאקע זייער שווער, אבער מען דארף קענען אלץ פארדייען.

מען טאר נישט מבטל זיין קיין אידן, מען טאר נישט מבטל זיין קיין אידן, יעדער איד, בפרט א איד וואס ער לערנט און ער דאוונט אין אזא זמן, אין אזא עיקבתא דמשיחא, וואס איז מער חשוב ביים אייבערשטן, מענטשן וועלכע זענען עוסק בתורה, מענטשן זענען מהדר אין מצוות כחוט השערה, ער האט געלערנט אין אן אנדערן חדר, ער האט נישט געלערנט אין מיין חדר וואס איך האב געלערנט, וואס וויל איך פון אים.

לעומת זה, דארף איך וויסן און זיך גוט אכטונג געבן, אויב האט ער א דבר זר, עס נישט אנצונעמען. אבער דן זיין לכף זכות דארף מען.

## דער קנאי - דער מלמד זכות

עס איז א געוואלדיגער כלל, און די זעלבע זאך ביי דער 'עמך', וואס

---

י. ע"א.

יא. ויקרא יט י"ח.

יב. תורה קע"א, וז"ל: (דניאל יב) ורבים מישיני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם ואלה לחרפות ולדראון עולם, ע"י שנתעורר שכל חדש בעבודת ה' מה שלא היה נודע עד עתה, עי"ז רבים מישיני אדמת עפר יקיצו, אך אלה לחיי עולם ואלה לחרפות ולדראון עולם, כי צדיקים ילכו בם (הושע י"ד) שעובדין עם זה השכל את הש"י, ופושעים יכשלו בם, שאינם עובדין בזה את הש"י, רק שעי"ז הם מבזין ומחרפין את העולם, על שהם יודעין מזה השכל החדש, והעולם אינם יודעין מזה. וכמו ששמעתי לחרפות ולדראון עולם, היינו לחרף ולבזות העולם, כי אינם משתמשין עם זה השכל החדש, רק לבזות ולחרף העולם, ע"י שהם יודעים מזה והעולם הם רקים וחסרים מזה:

יג. דניאל יב, ב'.

יד. תענית ז' ע"א.

טו. עירובין צה ע"ב.

ממש אפילו די כופרים און די רשעים, הגאון רבי דוד יונגרייז ע"ה, האב איך געזעהן א שטארקער **'מקום יש בראש להניח שני תפילין'**; ער איז דאך געווען א מורא'דיגער קנאי רבי דוד יונגרייז. אין דער נאכט פון מלחמת ששת הימים, עס האט אזויפיל געבאמבעט, מען האט אזויפיל געקלאפט, אז מען האט נישט געקענט אפילו שלאפן, מען איז די גאנצע נאכט געזעסן, און גע'דרש'נט זכותים אויף אידן, און קטרוגים אויף די גוים.

עס איז געווען דעמאלס די נאכט מ"ב לעומר, און ער איז געווען א מקובל אויך, האט ער ארומגערעדט פון שם מ"ב פון צירופים און זאכן.

האט זיך איינער אנגערופן צו אים: אזוי ווי די אראבער שלאגן זיך דאך מיט די ציונים, מיט די אפיקורסים, זאגט ער, דאס איז נישט זייער זכות, עס איז קיין זכות נישט פאר זיי, חס ושלום, עס איז קיין שום זכות נישט פאר זיי. אבער א גאנצע נאכט האט ער נאר מלמד געווען נאך און נאך זכותים אויף אידן און קטרוגים אויף די גוים, אין דעם האט ער עוסק געווען די נאכט. און נאך דער מלחמת ששת הימים, האט ער גערעדט א שמועס אין אונגארישער שוהל אקעגן די ציונים, אקעגן די ערב רב, ממש, און ער איז דאך געווען א גאון אין מדרש, ער האט געברענגט חז"ל'ן, איך האב געשפירט **'שכינה מדברת מתוך גרונו'**. אבער דאס איז געווען מקום יש בראש להניח שני תפילין.

עס איז דא אסאך זכותים, אפיקורסים מזידים, דאס זענען דאך נאר די שורשים, אבער דער עמך זענען דאך אלץ 'תינוקות שנשבו', ממש 'תינוקות שנשבו', אידן, פארבלאטעט, זיי זענען מלוכלך בטיט וצואה, מען דארף אנטלויפן, אז מיין ברודער איז מלוכלך בטיט וצואה, דארף איך אנטלויפן פון אים, כדי איך זאל נישט ווערן איינגעשמירט רח"ל, אבער מען דארף וויסן אז ער איז מיין ברודער!

## משקבלו פורענותם הרי הם חסידים

עס איז דא א רש"י אין תהלים, אין קאפיטל ע"ט אויפ'ן פסוק[טז] **"נָתְנוּ אֶת נִבְלַת עֲבָדֶיךָ מַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמָיִם בְּשַׂר חֲסִידֶיךָ לְחַיְתוֹ אָרֶץ"**. זאגט רש"י, דא רופסטו זיי אן 'עבדיך', און דא רופסטו זיי אן 'חסידיך'? און זיי זענען געווען עובדי עבודה זרה! אזוי פרעגט רש"י. זאגט רש"י 'כיון שקיבלו עונשם', זענען זיי חסידים. 'כיון שקיבלו עונשם', זענען זיי עבדים צום אייבערשטן, חסידים צום אייבערשטן. א איד איז אזוי ווי א דימאנט, א דימאנט ווען עס איז ארומגענומען מיט בלאטע בטיט וצואה, אבער ער איז א דימאנט, מען דארף זיך מרחיק זיין פון אים, מען דארף זיך מרחיק זיין פון רשעים, כדי מען זאל זיך נישט איינשמירן פון אים, פון זיין טינוף במחשבה, פון זיין טינוף במעשה, אבער במציאות איז ער א דימאנט.

אידן איז א סוד!

אידן איז א סוד עליון!

אזוי ווי מען דארף גלייבן אין דער תורה הקדושה, מען דארף גלייבן אין בורא עולם, אין די אלע כללי האמונה, דארף מען גלייבן אז א איד איז א סוד עליון וואס איז נישט מעגליך על פי דרך הטבע צו פארשטיין!

עס זענען דא זכותים, ער איז א 'תינוק שנשבה', מען האט אים אזוי מחנך געווען, און נאך כהנה וכהנה, און ווייטער אוואו געפינט מען זיך היינט, אין דור המבול ממש, אין דור הפלגה ממש, מען ווייקט זיך דאך אין אפיקורסות מיט שמוץ רח"ל, עס זענען דא זכותים אויף אים, ער איז נעבעך איינגעשמירט. אוודאי דארף מען זיך מתבדל זיין מרשעים, אבער אין הארצן. אזוי שטייט מפורש אין רמ"ק[יז] אז 'בלבו' זאל ער האבן אן אהבה צו דעם טוב 'אפילו מרשעים', און 'יאמר מתי מתי' וועלן זיי מקורב ווערן צום אייבערשטן, מתי וועט דער אייבערשטער נתגדל ווערן דורך זיי.

מילא איז דאס א גרויסער טומל, וואס מען דארף אכטונג געבן, אין איין זאך וואס מען ווערט געשלעפט אהער אדער אהער איז מען שוין איינגעשטעלט, דא האסטו מקטרג געווען אויף אידן, און דא איז דא התבדלות מרשעים בלי גבול וואס מען דארף זיך אפשיידן פון זיי. דאס איז ממש אן גוטע חבלי משיח.

עם כל זה אז מען רעדט עס ארויס, כאטש וויסן אז די זאך האט כללים, און מען דארף טאקע זיך אינגאנצן איבערגעבן צו דער תורה הקדושה, אז מען לערנט תורה יעדער שטיקל דעת תורה, קומט נאכהער א ריכטיגער דעת דקדושה אין אלע סארט זאכן אומעטום. אז מען לערנט תורה העלפט דער אייבערשטער אז מען קוקט אן א זאך ווי עס דארף צו זיין און מען איז נישט 'מפריז על המדה לא לכאן ולא לכאן', און מען שניידט אדורך די זאך אזוי ווי דער רצון הבורא איז.

## בכיות פון א בעל הבתי'שער איד

דאס איז א זאך ליידער וואס עס איז אראפ אזא כפירות אויף דער וועלט, אזא כפירות אויף דער וועלט, מורא'דיג, וואס דארפסטו מער, **איך געדענק ווען מען איז אדורך געגאנגען די שטיבלאך האט מען געהערט קולות פון בכיות!**

איך האב אמאל געקוקט אויף א איד, א בעל הבתי'שער איד, ממש א בעל הבתי'שער איד, איך האב געזעהן ווי ער זיצט ביי די קינות, איך האב געזעהן ווי עס טראפעט אים, א טראפ נאך א טראפ טרערן, ער זיצט און עס טראפעט אים די אויגן.

די הארץ איז אזוי פארקלאפט! די הארץ איז אזוי פארקלאפט אז מען גיט נישט ארויס קיין געוויין, עס איז נישט קיין וואונדער, ווען א מענטש האט א צאן ווייטאג, קענסטו אים הייסן וויינען אויף גלות השכינה? עס ברענט אים דער צאן ביז'ן מוח, וואס זאל ער טוהן. רח"ל יעדער איינער איז פארקלאפט, מען איז דערווייטערט, דער זוהמא פון אפיקורסות איז מטמטם את הלב, און דער זוהמא פון שמוץ איז מטמטם את הלב, עס איז נישט קיין וואונדער.

## בענקען אויף צו בענקען

לכל הפחות, איז דא היינט מער דער ענין פון השתוקקות און כיסופים, אז מען שפירט אז מען בענקט נישט צו דער גאולה שלימה, צו דער התגלות פון מלכות שמים ווי עס דארף צו זיין, מען דארף צו דעם אליינס בענקען!

**זעה ווי איך קוק אויס!**

טז. ב'.

יז. תומר דבורה פ"ב, וז"ל: ירגיל עצמו להכניס אהבת בני אדם בלבו, ואפילו הרשעים, כאלו היו אחיו ויותר מזה, עד שיקבע בלבו אהבת בני אדם כולם. ואפילו הרשעים יאהב אותם בלבו, ויאמר: "מי יתן ויהיו אלו צדיקים שבים בתשובה ויהיו כולם גדולים ורצויים למקום", כמאמר אוהב נאמן לכל ישראל, שאמר (במדבר י"א, כ"ט): "ומי יתן כל עם ד' נביאים וגו'". ובמה יאהב? בהיותו מזכיר במחשבתו טובות אשר בהם, ויכסה מומם, ולא יסתכל בנגעיהם אלא במדות הטובות אשר בהם, ע"כ.

**זעה ווי ווייט איך בין!**

אזוי ווי רבי נתן זאגט אז עס איז דיר שווער מאך פון דעם אליינס ווייטער א תפילה!

**רבונו של עולם, ווען וועט מען מוח זיין פאר'ן בית המקדש!**

**ווען וועט מיין מוח זיין, עס זאל נתגלה ווערן דיין נאמען!**

**דורך מיר און דורך גאנץ כלל ישראל, און רבונו של עולם עד מתי!**

**עד מתי - ביז ווען?!**

**ביז ווען וועט דאס זיין?!**

**ביז ווען וועט זיך ציהען דער פינסטערער גלות, ביז ווען ביז ווען. און ביז ווען וועל איך זיין אין גלות.**

פון דעם אליינס מאך א קינות.

ווייטער דארף מען טאקע גלייבן, פשוט מיט די הלכות פון כביסה (בתשעת הימים) מיט די אלע פרטי הלכות, מען דארף וויסן אויך, אז מיט דעם טוט מען א נחת רוח פאר השי"ת אז מען פירט זיך מיט די הלכות פון די ניין טעג.

## דער קשר פון עצבות און ליצנות

עס איז דא זייער א גוטע זאך וואס איך האב אמאל געזעהן פון רבי פינחס'ל קאריצער[יח], עס איז דא דבר ידוע, אז עצבות מיט ליצנות איז איין שורש, א מענטש וואס איז פריילאך פאדערט אים נישט קיין ווערטל, עס פאדערט אים נישט קיין ליצנות ער איז פריילעך. איינער וואס איז מרה שחורה'דיג פאדערט זיך אים ליצנות. די קליפת עצבות און די קליפת ליצנות האבן איין מקור.

איך האב עס אמאל צוגעשטעלט צו תורה פ"ג[יט], וואס דער רבי זאגט 'ונתבטל העצבות והליצנות וכו' הטחול שוחק', מרה שחורה קומט פון טחול, און שחוק קומט פון טחול.

רבי פינחס קאריצער זאגט א זאך וואס מען זעהט טאקע במציאות, עס איז א זאך וואס איז גוט צו וויסן, ער זאגט אז תשעה באב זאל מען וואס ווייניגער רעדן, ווייל אז מען רעדט תשעה באב קומט מען צו ליצנות, דאס איז א זאך וואס מען זעהט עס קלאר, רעדן תשעה באב, קומט מען צו ליצנות, דאס איז א זאך וואס איז גוט צו וויסן, תשעה באב איז א זמן אדער שלאפט מען, רוהט מען, מען לערנט מדרש, מען לערנט זאכן וועלכע פארנעמען דעם מוח, אין לימודים וואס מען מעג עס לערנען, און כהנה, אבער דברים בטלים איז ממש א פגם גדול אין תשעה באב.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך באנייען אין השתוקקות פאר השי"ת, אן השתוקקות פאר מלכות דקדושה, אן השתוקקות אז אלע רשעים זאלן תשובה טוהן בתשובה שלימה, און דער אייבערשטער זאל נתגדל ווערן דורך זיי, און פאר אלעמען זאל שיינען דער דעת אמיתי, א ריינע אמונה, וועגן אמונה דער תכלית, וואס דאס איז דער עיקר, דער מוח אמונה.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל טאקע זיין "**וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ**"[כ], עס זאל זיין לתקן עולם במלכות שדי, אמן.

---

**יח.** אמרי פנחס שער ב' ליקוטי ש"ס ומדרשים, אות קס"ח, וז"ל: שמעתי מפיו בשם ר' משה ב"ר נחמן ואמר דאיתא בתקונין [תיקון כא. מט:] קדרותא וליצנותא מטחול אתנייהו, קדרותא הוא עצבות באה ג"כ מטחול כמו ליצנות. וסיפר שראה אדם אחד שאמרו עליו שהוא לץ גדול והכירו שהוא עצבני ומתהלך במרה שחורה מאד. ועוד אמר תדע שבט"ב כשמדברים בני אדם זע"ז בכל דבר מתערב שחוק ודוקא מתערב שחוק ווערטלעך, כי אז שולט הטחול, לכן אני נזהר שלא לדבר כלל בט' באב עם בנ"א.

**יט.** ליקוטי מוהר"ן תנינא, וז"ל: ואז נתרומם מזלו, שהיא בשר מבשרו, וזוכה לעושר, בבחי' (משלי י) ברכת ה' היא תעשיר. ונתחזק יצרו הטוב, היינו לב בשר (יחזקאל לו) יצר טוב, מצא אשה מצא טוב (משלי יח) וזהו (שמות יט) קול השופר הולך וחזק מאד, קול השופר, היוצא מגופא שפירא הנ"ל. וקול, זה בחי' תפלה הנ"ל. הולך וחזק מאד, זה ממון (ברכות נד). שנתחזק מזלו ויצרו הטוב כנ"ל, ונתבטל העצבות והליצנות, הבאים ממרה שחורה. כי העצבות מחמת דחקות ועניות, והליצנות היא שחוק הכסיל (קהלת ז), בחי' הטחול שוחק (ברכות סא), הן נתבטלים ע"י המזל של עשירות, וע"י יצר הטוב, שהוא בחי' (קהלת י) לב חכם לימינו: טלים ע"י המזל של עשירות, וע"י יצר הטוב, שהוא בחי' (קהלת י) לב חכם לימינו, ע"כ.

**כ.** זכריה יג, ב'.


בס"ד
א פרישע חידוש!
געשמאק צו זיין א איד!
א קלארקייט,
א זיסקייט,
אין 'מיין' אידישקייט!
מהדורת משה יחזקאל שרגא
ספר
דורשיי יהודך
יסודי היהדות
שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ מוריה רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א
מועתק מלשונו הזהב - באידיש
אידיש
יסודי היהדות
א
וואַרעמע ליכטיגע ריינע פשוטע
דיבורים בעניני יסודי היהדות
מאת הגה"צ
רבי יעקב מאיר שעכטער
שליט"א
דער דבר ה' פאר אונזער דור,
געאייגנט פאר יעדן איינציגסטן
איד בכל מצב
אויף דער אידישער
שפראך – מלשונו הזהב
אידיש
לויפט און קויפט דעם הערליכן שפאגל נייעם ספר
דורשיי יהודך
"יסודי היהדות"
קחו ברכה אל תוך בתיכם!
מכון דורשיי יהודך
פאר האלסעיל רופט:
347.292.1014
dyyms12@gmail.com
pinex team 718.840.3660